"רשפי׳ רשפי אש שלהבת י–ה", וואס מצד דערויף האט ער בכח צו מלחמה האלטן מיט עמלק, זויסנדיק אז דאס וואס עמלק וויל פועל׳ן "אשר קרך בדרך", איז דאס מצד דעם וואס "יודע את רבונו ומכוון למרוד בו", ד.ה. אז ס׳איז ניט דער פירוש אז עמלק איז מתבונן בשכלו און ער קומט צו די מסקנא עפ"י שכל אז ס׳איז ניט קיין פלא אז דער אויבערשטער קען מאכן א נס, במילא איז ניטא וואס צו נתפעל ווערן דערפון וואס דער אויבערשטער האט געשפאלטן דעם ים סוף, אדער אן אנדער נס, נאר דאס איז א ענין פון "יודע את רבונו ומכוון למרוד בו", אז ער וויל מורד זיין אין דעם אויבערשטן, וואס דערפאר ווערט א איד דערפון ניט נתפעל, און ער דינט דעם אויבערשטן מיט א ווארימקייט.

דאס איז די הוראה פון פ׳ זכור, אז מ׳זאגט צו יעדער איד: דו זאלסט וויסן אז מצד עצמך ביסטו א ווארימער איד; אל תבט אל מראהו, עס איז ניט נוגע ווי דו זעסט אויס בחיצוניות, ווארום בפנימיות ווייס מען אז דו ביסט א ווארימער איד, א הייסער איד, און דו האסט א קאך אין ענינים של קדושה; אפילו אט דער איד וואס הערט ווי עמלק טענה׳ט זיך אוים מיט אים, איז ער אויך א ווארימער איד, עס איז בלויז וואס עמלק וויל מלחמה האלטן מיט אידן אין אן אופן פון "אשר קרך בדרך", ווי די צוויי פירושים שבזה, מלשון אפשוואכן און מלשון אפקילן, קרירות, אז ער וויל פועל׳ן אז א איד זאל ניט זיין ווארים צו ענינים קדושה.

אבער עי"ז וואס א איד האט מלחמה מיט עמלק איצטער בעבודה רוחנית שלו, און ער איז מנצח, אז ער דינט דעם אויבערשטן בלימוד התורה וקיום המצות מיט א חיות און מיט א ווארימקייט, איז ער דורך דערויף מנצח אלע אנדערע גוים, אז עס ווערט "והי׳ בהניח ה"א לך מכל איביך מסביב" במלחמה רוחנית שלו, איז דאס ממשיך און ברייגגט אראפ בפועל דעם "והי׳ בהניח ה"א לך מכל איביך מסביב" כפשוטו למטה מעשרה טפחים, וואס דעמאלט קען ער מלחמה האלטן מיט עמלק כפשוטו, ביז אין אן אופן פון "תמחה את זכר עמלק",

און בשעת אידן וועלן מקיים זיין דעם "מחה תמחה", וועט דער אויבערשטער מקיין זיין דעם "מחה אמחה", וכמבואר אז מלחמת עמלק איז נוגע למעלה ווארום ס׳איז דאך "אין שמו שלם ואין כסאו שלם עד שימחה שמו של עמלק" (רש"י בשלח יז,טז), ווי עס שטייט (בשלח שם) "כי יד על כס י–ה מלחמה <u>לה׳</u> בעמלק", און דאס איז "מדור דור", ווי ער טייטשט אפ אין תרגום (יונ"ע) "דרא <u>דמשיחא</u>" – יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו בקרוב ממש.

ב. בהמשך צו דעם וואס מען האט גערעדט פריער בנוגע "זכור את אשר עשה לך עמלק", איז דא אין דעם א פלא׳דיקער מדרש, וואס דער מדרש (פדר"א פמ"ד. וראה תנחומא תצא ז) שטעלט זיך אויף דעם און זאגט, אז מען געפינט צוויי ערטער וואו עס דארף זיין דער ענין פון זכור: ביי שבת שטייט (יתרו כ,ח) "זכור את יום השבת לקדשו", און ביי עמלק שטייט "זכור את אשר עשה לך עמלק", במילא דארף מען מקיים זיין ביידע פון זיי; איז בשעת משה האט דאס געזאגט צו די אידן האבן זיי גע׳טענה׳ט ווי קאנען זיין ביידע זכירות צוזאמען, זכירת יום השבת מיט זכירת מעשה עמלק, דאס זייגען דאך צוויי באזונדערע ענינים; האט מען זיי געענטפערט אז היות שבת איז דא דער

כוס של יין, און עמלק איז דאך דער כוס של חומץ, במילא מצד דעם ריבוי התענוג פון שבת וועט מען האט א כוס של יין, וועט דאס נישט געשטערט ווערן פון דעם "זכור" פון עמלק, ווארום ער איז נאר א כוס של חומץ.

לכאורה איז דער גאנצער מדרש נישט פארשטאנדיק:

א) וואס איז אזוי דער פלא: היתכן, ווי קאנען ביידע זכירות קומען צוזאמען? ער וועט האבן צוזיף דעם א זכירה און אויף דעם א זכירה – פארוואס זאלן סותר זיין איינע דעם צווייטן? ואדרבה פון דעם וואס מען זעט אז מען האט קובע געווען אז דאס וואס מען לייענט פרשת זכור איין מאל אין יאר, האט מען דאס קובע געווען דוקא ביום השבת, און מען לייענט דאס נישט אן אנדער טאג, איז דאך פון דעם גופא מוכרח אז זיי האבן גאר צווישן זיך א שייכות, וואס דעריבער האט מען עס קובע געווען אין זעלבן טאג, במילא, אז זיי האבן צווישן זיך א שייכות, איז וואס איז אזוי די פלא: ווי קאנען זיי זיין ביידע צוזאמען?!

ווארום דאס וואס מען האט דאס קובע געווען אויף יום השבת איז דאס נישט סתם ווייל מען האט נישט קיין אנדער טאג אויף דאס קובע זיין, ווארום מען וואלט דאס געקאנט קובע זיין אין א יו"ט, אדער אין אן אנדער יום הכניסה, פארוואס דוקא בשבת, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס איז ווייל זיי האבן א שייכות צווישן זיך.

דאס איז נישט ע"ד דער ענין פון שבת מברכים, וואס דאס האט מען קובע געווען דוקא בשבת וואס קומט פאר ר"ח – ווארום אין א יו"ס וואלט מען דאס נישט געקאנט קובע זיין, ווארום נישט יעדער מאל איז פאראן א יו"ט פאר ר"ח, און דאן מוז מען עס קובע זיין בשבת, במילא האט מען שוין אלע מאל געמאכט דאס זאל זיין בשבת פאר ר"ח; עד"ז האט מען דאס נישט געקאנט קובע זיין אין אן אנדער יום הכניסה, ווארום נישט יעדער מאל איז פאראן א יום הכניסה פאר ר"ח, ווארום ר"ח קאן אמאל זיין זונטיק, דעריבער האט מען דאס מתקן געווען דוקא אויף שבת.

משא"כ אבער בנוגע פ' זכור, וואס אויף לייענען אט די פרשה איז דאך נישטא קיין באשטימטער זמן, האט מען דאך דאס געקאנט לייענען ביו"ט אדער ביום הכניסה, פארוואס האט מען דאס קובע געווען דוקא בשבת? איז פון דעם גופא וואס מען האט קובע געווען אז מען לייענט פ' זכור דוקא בשבת, איז פארשטאנדיק אז דאס האט א שייכות צו שבת,

איז וויבאלד מען זעט אז דאס האט גאר א שייכות מיט שבת, איז וואס איז דער פלא פון מדרש ווי קאן מען האבן ביידע זכירות פון שבת און פון עמלק – אדרבה זיי האבן גאר צווישן זיך א שייכות?

ב) וואס איז דער תירוץ אז שבת איז א כוס של יין און עמלק איז א כוס של חומץ?

ג) שבת רופט אן דער מדרש כוס של יין און עמלק א כוס של חומץ – וואס איז דער דיוק דוקא א כוס של חומץ? ובפרט אז חומץ איז א זאך וואס איז בכלל נישט ראוי לשתי' – ער האט געקאנט זאגן אן אנדער לשון (וואס זאל זיין אין סוג פון יין?) ?

דער ביאור אין דעם: תורה וויל אז בשעת א איד איז מקיים א מצוה, זאל דאס עם דורכנעמען אינגאנצן, ד.ה. אז ער זאל מקיים זיין די מצוה נים בלויז במעשה, נאר אז זיין גאנצע מציאות זאל זיין

ארייבגעלייגט אין די מצוה, ביז אז עס בלייבט ניטש איבער קיין כח בנפשו וואס זאל ניט זיין פארבונדן מיט די מצוה, וואס דוקא דעמולט הייסט דאס אן ענין אמיתי לגמרי,

הגם אז ס'איז דאך המעשה הוא העיקר, אז דער עיקר איז מ'זאל מקיים זיין די מצוה בפועל, זאגט דאך אבער דער אלטער רבי (תניא פל"ח) אז א תפלה בלי כוונה ועד"ז א מצוה בלי כוונה איז דאס כגוף בלא נשמה, אז אויב ער איז מקיים א מצוה בלויז במעשה, און עס פעלט דערביי זיין כוונה, און די מצוה נעמט ניט דורך אלע זיינען כוחות, פעלט דעמאלט די נשמה פון די מצוה,

איז בשעת תורה אמת זאגט אין די מצוה פון "זכור את יום השבת לקדשו" וויל תורת אמת אז דאס זאל זיין א זכירה אמיתית, ד.ה. אז די זכירה פון שבת זאל דורכנעמען די גאנצע מציאות פון א אידן, כל כוחיה נפשו, ועד"ז בשעת מ'זאגט אן "זכור את אשר עשה לך עמלק" וויל תורת אמת אז דאס זאל זיין א זכירה ניט סתם בחיצוניות נאר דאס זאל דורכנעמען דעם מענטשן אינגאנצען, דערפאר טענה'ן אידן האיך יתקיימו עליהם, ווי קען זיין ביידע זאכן צוזאמען, אז בשעת ער איז ארייגעלייגט אינגאנצען אין די זכירה פון שבת קען ניט זיין אז אין די זעלבע צייט זאל ער זיין ארייגעלייגט לגמרי אין די זכירה פון עמלק, ווארום זיי זיינען צוויי פארקערטע זאכן.

ווארום דער גאנצער ענין פון שבת איז צו באווייזן אז דער אויבערשטער איז דער בעה"ב פון דער וועלט, ווי דער חנוך (מצוה לב) איז מבאר אז דורך שמירת שבת באווייזט מען די אמונה אין אחדות ה', און אז "ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש (תשא לא,יז) אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, וואס דערפאר פירט זיך דער איד דא למטה אויך אזוי, אז א גאנצע וואך ארבעט מען, אבער ביום השבת ארבעט מען ניטש – מיט דעם באווייזט מען אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער איז דער בעה"ב פון דער וועלט.

ביז ווי מען זעט דאס בגלוי אין וועלט, ווי ר"ע האט באוויזן צו טורנסרופוס הרשע דורך מי הסמבטיון (סנהדרין סה,ב) אז א גאנצע וואך טוט דאס געווויסע ענינים, משא"כ בשבת איז ניטש קוקנדיק אויף דעם וואס עס בלייבט דער זעלבער טייך ווי עס איז געווען א גאנצע וואך, פונדעסטוועגן איז עס דאך שבת; וואס לכאורה פארוואס האט ר"ע געדארפט ברייננגען א ראי' פון דעם טייך אויף דער ענין פון יום השבת, צי דען האט ער ניטש געקאנט געפינען אן אנדער ראי'. אויף יום השבת, נאר דא האט ר"ע געוואלט ברייבגען א ראי' ווי מען זעט אז כון וועלט גופא זעט זיך דער ענין פון שבת – וואס דאס באווייזט אויף אחדות ה'; און דאס איז ניט נאר אזוי בשבת אליין, נאר א איד האט בכח דאס אויפטאן א גאנצע וואך, אז אפי' די ימות החול פון וואך זאלן זיין שבת'דיקע ד.ה. אז ער קאן פועל'ן אז אויך אין די וואכענדיקע טעג זאל זיך אנזען אחדות ה', אז דער אויבערשטער איז דער בעה"ב פון דער וועלט.

ענינו של עמלק איז גאר דער היפך פון דעם, אז ניטש נאר וואס ער ווייס ניטש אז דער אויבערשטער איז דער בעה"ב פון וועלט, נאר אדרבה "יודע את רבונו ומתכוין למרוד בו", ער גייט פולל זיין די מציאות פון אלקות; ער ווייס טאקע אז עס איז דא דער אויבערשטער, און נאכמער ער זאגט אז דאס איז "רבונו" רבון שלו, דער אויבערשטער איז זיין בעה"ב, כנ"ל, און פונדעסטוועגן איז "מתכוין למרוד בו", און ניטש נאר מתכוין למרוד בו" אין כוונה, נאר ער טוט דאס בפועל, ער איז מורד

אין דעם אויבערשטן.

[אע"פ אז לכאורה ווי קומט דאס ער זאל קאנען מורד זיין אין דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער איז דאך זיין בעה"ב, און זיינע גאנצע מציאות איז פון דעם אויבערשטן, איז ווי איז שייך צו זאגן אז ער איז מורד אין דעם אויבערשטן, נאר דאס גופא איז פון אויבערשטן – דער אויבערשטער האט אים געגעבן כח אז ער זאל קאנען מורד זיין אין אים, און ער איז טאקע מורד אין אים].

קומט דאך אויס אז עמלק איז היפוך פון שבת: די גאנצע מציאות פון שבת איז בכדי צו באווייזן אז דער אויבערשטער עשה השמים ואת הארץ, ווי דער אויבערשטער איז בעה"ב אויף וועלט, און עמלק איז גאר שולל די גאנצע מציאות פון דעם אויבערשטן.

דעריבער פרעגט דער מדרש, ווי קען זיין אז עס זאלן זיין ביידע זכירות צוזאמען בשעת אייגע איז גאר א סתירה און איז סותר די צווייטע? אויב דער ענין פון עמלק וואלט ניט געדארפט זיין בזכירה, און עס וואלט געוועזן בהעלם, וואלט ער געקאנט האבן בגלוי די זכירה פון שבת; אבער דא זאגט מען אז עס דארף זיין אויף ביידע דער ענין פון זכרון, און דער אופן הזכרון דארף דאך זיין אז דאס זאל דורכנעמען זיין גאנצע מציאות – דאס קאן לכאורה ניט זיין – סיי דעם זכרון פון שבת בגלוי, ווי דער אויבערשטער איז דער בעה"ב פון וועלט, און סיי האבן דעם זכרון פון עמלק, וואס עמלק איז גאר אסתירה צו אלקות, קאן לכאורה ניט זיין! מען זאגט טאקע אז "המעשה הוא העיקר" (ראה אבות פ"א מי"ז) און אין מעשה קאנען זיין ביידע, אבער דער זכרון דארף דאך זיין אין מחשבה והרגש, איז ווי קאן א מענטש שטיין אין די ביידע תנועות הפכיות בבת אחת; פרעגט דער מדרש ווי קאנען זיין ביידע זכרונות צוזאמען?

אויף דעם ענטפערט דער מדרש אז שבת איז דער ענין פון א כוס של יין און עמלק איז א כוס של חומץ, וואס דא זעט מען ווי די לשונות פון חכמינו ז"ל זיינען מכוון אין אלע פרטים, וואס דא זאגט ער דוקא חומץ:

וואס איז די מציאות פון חומץ? חומץ איז ניט קיין מציאות לעצמו, די גאנצע מציאות פון חומץ ווערט פון יין, ווי מען זעט רוב פעמים וואו עס ווערט דערמאנט אין ש"ס דער לשון חומץ, רעדט זיך דאס אלץ וועגן אזא חומץ וואס ווערט פון יין.

ווי ווערט פון יין חומץ? נאר דאס ווערט בשעת עס מישט זיך ביין אין דעם יין אן ענין של חמץ, טוט דאס אויף אז עס זאל ווערן חומץ; וואס בעבודה איז דער ענין פון חמץ, דער יצה"ר, וואס אייגע פון די שמות וואס דער יצה"ר ווערט אנגערופען איז בשם "חמץ", ע"ד ווי עס שטייט דעה לשון ביי כורש "כאן קודם שהחמיץ וכאן לאחר שהחמיץ" (ר"ה ג,סע"ב), ועד"ז געפינט מען אין נאך ערטער אז דער יצה"ר ווערט אנגערופען בשם חומץ.

דערפאר רופט מען אן עמלק בשם חומץ, ווייל דאס ווייזט אויף היפך הקדושה, אבער צוזאמען דערמיט ווייזט עס אז דער שרש פון דעם איז אין קדושה – און דאס איז דער תירוץ ווי עמלק קאן זיין צוזאמען מיט שבת, וואדום אפילו די מציאות פון עמלק האט אויך א שורש אין קדושה, ע"ד ווי חומץ האט א שורש אין יין.

און אויף דעם דארף זיין דער זכרון, אז נישט קוקנדיק אויף דעם וואס בהצוגיות זעט אויס עמלק צו זיין גאר א מורד אין אלקות, חומץ, זאגט מען אבער אז עמלק קומט דאך פון יין, ער האט א שורש אין קדושה, במילא קאן מען אויך אין אים אויפטאן. אז ער זאל ניט זיין קיין סתירה צו שבת, וואס דערפאר רופט מען אים אן "כוס של חומץ", דלכאו' וויבאלד חומץ איז ניט ראוי למאכל ווי קומט עס אין א כוס? – מ'האט געדארפט אנכאפן אן אנדער לשון? נאר דאס איז ווייל מ'וויל מרמז זיין אז אויך פון עמלק קען מען מאכן א דבר מאכל, ביז עס ווערט א "כוס", וכידוע אז כוס איז בגי' אלקים (זח"ג רמה, סע"א. ת"ז סוף תמ"ז).

וואס דאס איז ע"ד ווי עס ווערט מבואר אין תניא (פכ"ז) בנוגע צו מטעמים, אז עס זיינען דא שני מיני מטעמים, עס איז דא די מטעמים וואס קומט פון דברים מתוקים וואס דאס איז די עבודה פון צדיקים, און עס איז דא דער צווייטער סארט מטעמים, פון דברים חמוצים, וואס דאס איז די עבודה פון בע"ת, וואס זיי מאכן מטעמים פון די דברים חמוצים, פון די ענינים בלתי רצויים וואס זיי זיינען מהפך, און ווי דער אלטער רבי טייטשט דאס וואס שטייט "וגם רשע ליום רע"(משלי טז,ד), אז אויך פון "רע" טוט מען אויף אז עס זאל זיין "יום", און דאס איז נאך אא גרעסערע עבודה ווי עבודת הצדיקים.

עד"ז בנוגע עמלק, אז נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער איז חומץ, פונדעסטוועגן זאגט מען אז זיין שורש איז פון יין, דעריבער קאן מען אויפטאן אויך אין עמלק, ווי מען ברייגגט (תניא סופ"ט וסופכ"ט) דעם משל הזונה ובן המלך אז איר גאנצער כוח איז פון דעם מלך אליין, עד"ז בנוגע צו עמלק, אז זיין שורש איז פון קדושה, וואס דערפאר קען מען אים מהפך זיין, ביז אז דאס איז נאך א גרעסערע עבודה ווי מיט קדושה אליין.

דערפאר זאגט מען די דוגמא פון חומץ און ניט פון קיין אנדער זאך, ווארום דא וויל מען ארויס ברייגגען אז מ'קען עס איבערמאכן ס'זאל זיין א גוטע זאך, און דאס איז טייך דוקא בא חומץ אז כאטש ס'איז ניט ראוי למאכל, קאן מען אבער אויך פון דעם מאכן א מאכל, ווי ס'ברייגגט זיך אז מ'קאן מטבל זיין א מאכל אין חומץ און דאס עסן, ביז דאס ווערט מעדנים להשיב הנפש (יומא פא,ב), ביז ווי די גמרא זאגט (ראה ברכות ה,ב) אז ס'קען זיין א מציאות אז חומץ זאל נתייקר ווערן ביז ס'ווערט טייערער פון יין, וואס עד"ז איז עס בנדו"ד אז מען נעמט דעם חומץ פון עמלק, און דאס גופא איז מען מהפך צו קדושה ביז דאס איז נאך א גרעסערער אויפטו ווי די עבודה מיט קדושה אליין.

מיט דעם פארענטפערט דער מדרש ווי ביידע זכירות קאנען קומען צוזאמען – סיי שבת און סיי עמלק, ווייל .מ'קען מהפך זיין עמלק צו קדושה; ואדרבה: ביידע ענינים דארפן קומען צוזאמען, ווארום אפי' אז מ'שטייט בדרגת שבת, דארף מען אלעמאל געדיינקען עמלק, ווארום אויך דאן דארף מען באווארענען אז מ'זאל זיך היטן פון עמלק, ווארום עמלק קאן אויך אויף אים פועל'ן; ולאידך גיסא: אויך אין עמלק קאן מען אויפטאן דעם ענין פון שבת.

דאס איז די הוראה בעבודה: עס קאן קומען איינער און טענה'ן אז ער איז גאר א שבת איד, ער שטייט העכער פון ענינים של חול, איז פארוואס דארף ער זיך באווארענען פון ענינים של חול, ער קאן טאן אפילו אין עניני רשות, ווארום ער איז דאך א שבת איד, און

- שבת -

שבת איז דאך קדש וואס איז "מלה בגרמי'" (זה"ג צד,ב) העכער אפילו פון יו"ט וואס איז "מקרא קודש", און שבת שטייט מען דאך העכער פון וועלט, איז פארוואס דארף ער זיך אויסהיטן פון סאן עניני רשות? קומט די הוראה אויך צו אים,* וואס דערפאר דארף זיין "זכור את אשר עשה לך עמלק", ועד"ז אין דעם צווייטן קצה, אז בשעת מען לייגט וועגן עמלק, איז דאס בשבת דוקא, וכנ"ל, ווארום דא איז דער אויפטו אז אויף אין עמלק קאן מען אויפטאן דעם ענין פון שבת, ביז עס ווערט נאך העכער, מצד דעם וואס דא מאכט מען א מטעמים פון דברים תמוהים.

דאס איז אויך בכללות אין זמן הגלות, וכידוע דער משל אויף דעם פון א מלך וואס בשעת זיין זון איז מיט אים צוזאמען זעען זיך ניט אן זיינע מעלות, משא"כ בשעת ער שיקט אים אוועק למרחקים, און דארטן פירט זיך דער קינד אויף כדבעי, דאן זעט ער זיינע מעלות, עד"ז אין דער ענין פון גלות, אז דוקא דורך דעם האט מען די העכערע עבודה, ווארום ניט קוקנדיק אויף דעם וואס גלות איז טאקע א ביטערע זאך און א זויערע זאך, זאגט מען אבער אז דורך דעם וואס מ'איז מהפך, איז דוקא דאן אין גלות קאן ער אויפטאן אז עס זאל זיין צוזא"ן א זיסע זאך.

דעריבער זיינען אידן געגליכן צו כוס של יין, וכידוע אז אידן זיינען נמשלו לגפן (זיק"ר פל"ו,ב), ווייל פונקט ווי א גפן דוקא דורך דעם וואס מען איז עס כותש איז עס מוציא דעם יין, עד"ז בנוגע צו אידן, אז ווען קאן מען אויפטאן אז עס זאל זיין יין דוקא דורך דעם כתישה וואס דאס איז דער ענין הגלות, און דוקא דורך דעם טוט מען אויף אז עס זאל ווערן דער ענין פון יין, ביז אויך די מעלה וואס מ'איז מהפך דעם חומץ. (חסר הסיום).

ג. מאמר כעין שיחה עה"פ זכור את אשר עשה לך עמלק וגו'.

ד. כפי המנהג צו לערנען א פסוק חומש מיט רש"י – זיינען דא אין היינטיקע פרשה כמה רש"י'ס וואס זיינען ניט פארשטאנדיק, און צווישן די רש"י'ס איז דא וואס רש"י איז מפרש בנוגע דעם מעיל פון כה"ג, און דאס איז אין קאפיטל כ"ח פסוק ל"ב; וואס דארטן שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואס דער פסוק פירט אויס אז דאס וואס מען האט געמאכט בא די קראגן פון מעיל אז עס זאל זיין כפולוכו; איז דאס בכדי אז "לא יקרע" עס זאל זיך ניט צורייסן; שטעלט זיך רש"י אויף "לא יקרע" מיט א גאנצע אריכות, וואס ווי מען לערנט דאס כפשוטו בעמט מען אן אז די רש"י איז א גלאטיקע רש"י, אבער באמת איז דאס כולו קושיא מתחלתו ועד סופו.

בכלל דארף מען פארשטיין: א) וואס איז דא שווער צו רש"י'ן וואס צוליב דעם דארף ער זיך שטעלן אויף דעם און מפרש זיין א גאנצן פי'? דלכאורה איז דאך דער פסוק פארשטאנדיק – אז דאס וואס מען האט געדארפט מאכן בא די קראגן עס זאל זיין כפול איז דאס בכדי עס זאל זיך ניט צורייסן, און דאס מיינט דער סיום הכסוק "לא יקרע"; איז וואס האט דא רש"י בכלל זיך צו שטעלן?

רש"י איז מבאר אז דאס וואס עס שטייט אין פסוק "לא יקרע", מיינט דאס "כדי שלא יקרע", ד.ה. רש"י וויל דא אויפטאן, אז דאס וואס עס שטייט "לא יקרע" איז דאס ניט א באזונדער זאך,

* אז אפי' ווי מ'שטייט אין א מצב פון שבת דארף מען זיך באווארענען פון עמלק,

הנחת הת' בלתי מוגה